STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02426

DANOS

Gershon Hayyim Lewner

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דאָנאָס

בילדער פון אידישען לעבען

פון ג. ח. לעווינער

ווילנא

שנת תרס"ט לפ"ק

ДОНОСЪ.

Соч. Г. Х. Левнера.

Соб. изд. Л. Л. Маца.

ВИЛЬНА.
Типографія Л. Л. Маца, Завальная 30. [illegible]

1.

אויפן ברעג גרענעץ, פונם רייכן פריץ ב—ס לאנד; א מדרך ניט מער וויא איין 1/4 ווערסט פון רוססעשין גרויסין דארף. טאר ;... אפ גערוקט לינקס, נאהענטער צום וואלדל; אסאזשען 5, פון גרויסין וועג, געפינט זיך, דיא אלטע אידישע קרעטשמע. — ארא‍פ קירעווענדיג, פון וועג צום קרעטשמע, באנגענטמען צו ערשט, אלאנגע אניזעריגע אויסגעבויגענע שטיבל: די וואנד זיינען ערטער-ווייז, אונטער געשפארט מיט פלאקער, וועלכע דער לאזין ניט דיא זקנים, זיך אוים ציהען, זיך לייגין אויף דער ערד, צו וועלכע זייא זיינען געבויגען; דער דאך, פון דעם בנין, איז מיט אמאך יאהרין צוריק, גידעקט גיוועז, מיט לאנגע קארינ-שטרוי; נאר איצט איז ער לאבערדיג וויא ארעשעטע; די גאנץ גרויסע לאבער, זיינען פאר שטאפט, מיט קולקעס שטרוי, בעשאטין פון אויבין מיט ערד; דאס גרעסטע צאהל אבער, זיינען אפען, צום גרוים פרייד, פון פארשיידענע פויגלען, וואס געפינען דא, סאי זומער, סאי ווינטער, אשטיקעלע מנוחה, זייא פליהען דא אום, אריין און ארוים גאנץ פריי. —

דיא שנעה-ן פון אסאך ווינטערין, דיא רעגנס פון אסאך זומערין, האבין איבער גילאזין נאך זיך, טיפע לאנגע סימנים, אויף דיא רוקינס, פון דיא אלטע אויסגעביינענע וואנד. —

פון הינטער דעם דאזיגען בנין, איז גיוועז אמאל, אגרויסער אהויכער צוים, מיט גוטע פאוועטין, פאר פערד און וואגין פון אורחים; נאר איצט, זיינען געבליבין פון צוים, ניט מער ווי עטליכע פאר פוילטע ברעטער, פון דיא פאוועטין עטלעכע שטאלבעס; און חוץ ניט, דער געדיכטער וואלדל פון הינטין, זאל ווינטער צייטן, פאר שטעלין, די ווינטין מיט דיא פונעם; וואלט לאנג ניט גיבליבין פון די קרעטשמע קיין שום זכר. —

אין דער גאנצער סביבה, האט דיא קרעטשמע גנאמען: "דיא אידישע קרעטשמע!" הגם "איינע" יאהרין, זיינען אירע בעל בתים גיוועז, אמת'ע קריסטין. —

מיר זאגן "איינע" וויל אין דער ריכטיגקייט, מער פון

אזאהר (דאמאס)

יאָהר, ווען פיל 2, האָבין זיך די קריסטליכע קרעטשמארעס, דא ניט געהאלטין; די סבות, פאר וואס זייא האָבין ניט נושא חן געוועזין, באי דיא אורחים, אויך ניט באי דיא בויערין פון דאָרף נאר..., ווייסין זייא אליין...

דער איד, וואס איז נאך זייא, אהער ארייַן, וואוינט דא לאנג, זייער לאנג.

— ווי לאנג, רבי ברוך, וואוינט איהר שוין, דא אין דער קרעטשמע? פרעגט אים אמאל איינער פון זיינע בעקאנטע אורחים.

און רבי ברוך, פאר קלערט זיך אַ ווײַלע, ניט אַרעכין מיט זיך, דער באי אפרעג זיין אלטע; — ברכה! ווי אלט, מיינסט דו, איז אונזער נחום-ל געוועזין, בעת מיר זיינען געפארין אהער?...

— איך ווייס?... מיר דאכט אז 2 יאהר.

— און ווי אלט איז ער איצט? פרעגט דער אורח, מאכענדיג אחשבון.

— דעם אסיען, געלויבט איז גאָט, צום פריזיוו!

— קאַימאלן, אַיאהר 18!... זאגט דער אורח, מיט התפעלות; אפנים שוין איינגעוואוינט, צו געוואוינט, און איך איז דא, אן עין הרע גאנץ פריילעך!

געלויבט איז זיין הייליגער נאמען! וואו א איד האט זיין שטיקעלע פרנסה, דארף אים זיין פריילעך! האט ברוך געזאגט, געבענדיג א שטילין זיפצין;

רבי ברוך איז אַ איד אַ יאהר 50, אַרעכטער יודע ספר, אפרומער מיט אמת; פירט אגעמיינעם, אפראסטין לעבין; ער, זיין ברכה, זיינע 2 זיהן, מיט זיין בת יחידה, טראגין אויף זיך, פראסטע דארפישע בגדים; דיא מעבל אין שטוב, איז אַפראסטין, אַטיש, אַבעט, מיט אַפאר לאנגע פראסטע בייַנק; דער לעבין, דער עסין, קארינברויט קארטאפל, מילך, פוטער, אויפין דארפעשין ארט. —

רבי ברוכ-ס דרײַ קינדער; נחום-ל, וואס איז דעם אסיען צום פריזיוו; יאנקעלע אבחורל אַיאהר 17, זעלדקע דיא בת יחידה אַיאהר 15; זיינען באי רבי ברוכין געבליבין, אויף דעם ארט, ווייא אין אסיען-צייט, פאר בלייבן [illegible] וואקלעך, אויף אבוים;

נגלע (דאגאס)

נעלע, פארטריקענטע, פאר דארטע; קאם, קאם, וואס זייא האלטין זיך . . .

אסאך צער, אסאך צרות, האט ברוך, און ברכה, פאר נומען ביז זייא האבין זוכה געוועזען געהן, אז דיא 3 קינדער, האבין זיך אויף דיא פים געשטעלט; אסאך גראָע האאר אויפין קאפּ, קנייטשין אויפין פנים, איז באי דיא צרהדיגע טאטע מאמע געוואָרין, ביז זייא האבין, דער ווארט, דער לעבט, דעם יאהר, דעם חודש, דיא וואך, מיט דעם טאג, וואס נחום-ל איז צום פריזיוו געפארין . . .

וויפיל תענתים האט דיא אלטע געפאסט? . . .

— "זיין גיט, זארג ניט אלטע!" האט ברוך ביים געזעגענען זיך מיט איר, געזאגט: "באלד נאכין פריזיוו, מיט גאטס זייער הילף, וועלען מיר נעמען אשנור אין שטוב, מורא האבין, איז גיט דא וואס... אויב ניט ערשטע, 2-טע אילגאטע, האט אונזער נחום-ל געוויס!

ברוך מיט זיין נחוםלען, זיינען גיקומען אין ז... צום פריזיוו; ברוכ-ם ערשטע ארבעט איז גיוועזען, אריין טראגין דעם רב, ווייא זיין שטייגער תמיד, אמתן בסתר, 50 רובל, פאר די אידישע ארעמע סאלדאטין, וואס וועלין אוועק גיין אין סלוזשבע; נאך אזוי פיל, אויף אנדערע צדקות, מיט אהבטחה, אז זיין נחוםל וועט בע[illegible]יט ווערין, צוא געבען כהנה וכהנה. —

נאר, מאג א איד פרעגין קשיות באי גאט? . . .

צום פריזיוו האבין געפעלט סך הכל 3 אידין; און פאר איינעם פון די 3 האט מען צו גענומען נחוםלען!

נאכין פריזיוו, האט נחוםל פאר בראכט אין דער היים קארגע 2 וואכין, און איז אוועק אין סלוזשבע.

נחום-ל האט דעם גליק ניהאט, פאר שיקט ווערין, גאנץ ווייט פון זיין היים, אז ביז דיא ענדע פון זיין סלוזשבע, זאל ער ניט קאנען קומען, אפילו איין מאל אהיים. — געוויינט זייער פיל, האט דיא אלטע מאמע; דער ברודער מיט דיא שוועסטער, האבין אויך ניט גיקארגט אין טרערין; נאר מער פון אלעמען, האבין די צרות זיך געלייגט, אין רבי ברוכ'ס הארץ; ער האט ניט געאחטשעט, ניט געוויינט, אדרבה ער האט דיא אלטע געטרייסט; נאר, טיף,

טיף, אין מארצין באי זיך, האט ער גיהאט צוא גאט, אנדערע טעגות, מיט אנדערע תרעומות... אונ זיין עגמת נפש, זיין טיפער צער, האט אים אנידער געלייגט קראנק, אין בעט. —

פאר דיא 6 וואכין צייט, וואס רבי ברוך איז קראנק גילעגין, האט ער זיך אנגעזאגט מיט ודוי, וויפיל די הארץ האט געלוסט; אונ אויף מארגין נאך שבועות—גישטארבין! — דיא אידישע חברה קדישא, האט ניט פאר געסין, אויף רבי ברוכס גרויסע צדקות; אויף זיינע הונדערטער מעות חטים; וואס ער האט תמיד, יעדער פאר פסח, איבער גיגעבין, גאנץ שטיל, דעם רב זאל לעבען, זיי מחלק זיין צווישין דיא אביונים; אויף זיינע פינף אונ צוואנציק-ער אויף תלמוד תורה, וואס ער האט יאהרלעך געצאלט שטילערהייט, ניט בעגטשענדיג חלילה, פון קיינעם קיין כבוד; אונ מען האט באי דיא אלמנה מיט דיא יתומים, וואס האבין דעם בר מינן, אליין גיבראכט, דורך נאכט צוא פיהרין — גענומען סך הכל 75 רובל קבורה געלט! אמת, דער פאר האט מען אים גיגעבין אהויכין ארט, גאר אהויכען, ביים זייט פון אלטין מגיד-ד, זאל ער זיך מיהען דארט, פאר אונז אלעמען. דער רב, האט רבי ברוכין מספיד גיוועז, מיט עטליכע הייסע וואַרעמע ווערטער ניט קוקינדיג, וואס איינגע פון די פני העיר, האבין געבורשעט שטארק;—סטייטשע! ווי קומט אישובניק, אפראסטער איד, אדארפס מאן, צו אזא כבוד? צוא אהספד???

2.

ברכה מיט איר זוהן אונ טאכטער, זיינען נאך ברוכס טויד, געבליבין וויא אוויספע, אין מיטין ים! 3 נפשות קראנקע, שלאפע, שוואכע, אויף אזא גרויסין וויסטין סטעפ: אומעדיג. עלענד, וויא פון אשטיין אין אזא מדבר! זיי איז ניט ניחא גיוועז, ניט דיא פרנסה, ניט דער לעבען דארט.. — האט פאר שטאנען, אז אין קרעטשמע, קאנען זיי ניט, אונ טארין ניט אליין בלייבען; 2 נקבות, מיט דעם בחור, וואס איז קאם אלעבעדיגער! זייא מוזין צִיין אין שטאדט, זיי מוזין זיין, צווישין לעבעדיגע מאנשין; אונ חוץ אלעם דעם, מוז יאנקעלע זאגין קדיש... גאט וויים, אויב דער סאלדאט, איז צווישין

(דאנאס) אמנין

אמגן אידין ? אויב ער וועט , ווען ניט איז , קאנגען אקדיש זאגען .

ברכה האט געטראכט , לאנג געטראכט , ווי זיא זאל טאהן , און וואס זיא זאל טאהן ? זיא האט ניט געוואוסט , וועמען זיא זאל פרעגין , און ווער איז דער מאנש וואס זאל זיא געבען , אגוטע אגלייכע עצה ? — נאר אונגעריכט , האט די השגחה , צוא געשיקט ברכה-ן , איר בעל עצה . — דאס איז גיוועזן אטאג , פאר דעם לעצטין שבעה טאג ; ברכה מיט דיא קינדער זיינען גיזעסין אויף דער ערד , אומעדיג , פאר זארגט , שטארק פאר זארגט . — די טיהר פיג'ם חדר , וואו די אבלים זיצין , האט זיך גיעפינט , און אברהם מאיר , איז אריין געקומען . — רבי אברהם מאיר !!! — ברכה-ס אויסגעשריי "רב אברהם מאיר !" איז גיוועזן אויף דעם אופן , ווי איינער האט פלוצלונג דער זעהן , פלוצלונג זיך דערמאנט , אויף אגייטיגע , אטייערע זאך , ווי לעבען , ווי ליכטיגקייט ; וואס איז אין גאנצין ארוים פון זיין געדאנקען , וואס ער האט אין גאנצין פארגעסין . — "איז רבי ברוך שוין אין "עליו השלום" , זיינם איבער גיקומען ... וואס זאל מען "טאהן ? ברכה ! מיר זיינען אלע שטארבליכע מאנשין , דעם טאנץ מוזין , פריער "שפעטער" אלע טאנצין ..."

— גאנץ ריכטיג , רבי אברהם מאיר ! נאר פון "פריער" , ביז "שפעטער" איז אגרויסע , אגאנץ גרוסע נפקא מנה , מיין ברוך האט געדארפט , נאך 10 יאהר לעבען , צו ליב ...

ברכה האט ניט גיקאנט מער ריידין , איהרע ווערטער זיינען דער טרונקען גיווארין , און איהרע טרערין ; זיא האט במקום דיא ווערטער , אוים גישטעלט דעם צייג ... אוקאזאטעלנעם פינגער אויף דיא בת יחידה ... — "דאס איז אפאר פון אלמנות יתומים , מיט יתומות ! "מיר זינדיגע מענשין דארפין מצדיק הדין זיין , זאגין : "דאס איז גירעכט , זיין משפט איז גירעכט !" צו פיל וויינען טארין מיר אידין אויך ניט , "וואס דיא ערד דעקט צו מוז מען פאר געסין ; געדיינקט דאס ברכה , "איר זיינט ניט דיא ערשטע , אויך ניט דיא לעצטע !"

און זאגענדיג , דיא אלע בעקאנטע טרייסט ווערטער , איז אברהם מאירס שטימע פול גיוועזן מיט ווייכקייט , מיט כתחנות , מיט הערצליכע מיטלייד ; אין זיינע ... נען , זיינען געשטאנען , וויא צווייא

טרערין ; דעם גראבין פינגער פון זיין לינקע האנד, האט ער פאר שטעקט, צווישין דיא זשילעט קנעפלעך, מיט זיין רעכטע האנד, האט ער געפירט, אי ארויף אי אראפ, אי צו זיך ; אי פון זיך, וויא איינער פון דיא היילינסטע פריידינער. —

און דיא לייבע ווארעמע ווערטער, האבין געווירקט אויף ברכה'ס אומעדינגע געמיהט ; מיט דעם פארטוך האט זיא אויס געווישט אירע אויגען, און אויף הייבענדיג צבישילע איר קאפ, האט זיא געזאגט : — אבער איצט, ר' אברהם מאיר, בעט איך וויא ביא איין אמת'ן גוטין פריינד... אזוי וויא מיין ברוך עליו השלום... (ביא דיא ווערטער, האט זיך ברכה פאר חליפעט)... האט איך אסאך מאל געהאלפען, אי מיט גמילות חסדים, אי מיט אגלייכע עצה : איצט זאלט איהר, אונז העלפין, ניט חלילה מיט געלט, נאר מיט אגוטין סאוועט, מיט אגלייכע עצה... איך בין אומידיגע, מיין מוח קערט זיך מיר איבער, (ביא דיא ווערטער, האט ברכה, מיט ביידע האנד, זיך ביים קאפ געהאלטין, וויא זיא וואלט וועלין איין האלטין דעם טום, ער זאל זיך ניט איבער קערין)... גיט איין עצה !... — זייט גאנץ זיכער ברכה, דיא אלע טובות, וואס ר' ברוך ע"ה, האט מיט מיר גיטאהן, וועל איך, ביז מען וועט מיר שארבען לייגען, אויף מיינע אויגען, ניט פאר געסין ! איך בלייב איך, און אייערע קינדער, גאר גלייך, דער זעלבינער גוטער אמת'ר פריינד, וויא גיוועזין, אדרבה מיט מער הייסקייט, און גיטראי-שאפט ; איך קאן אייך ברכה, פאר זיכערין, אז ביא מיר, איז הייליג בעשטימט, אויב גאט, וועט אונז האלטין אויף דער וועלט, זאל זעלדקעלע זיין, מיין אפריקעלעם כלה, ניט אנדערש ! אזוי וויא מיר האבין אמאל גערעדט...

— ביז יענע צייט, ר' אברהם מאיר, וועלין נאך אסאך וואסערין אפ לויפין ! גאט ווייס, צו איך וועל דאס אמאל דער לעבין ? איך זעהט דאך אונזערע מזלות... איינמער ערגער ! גיווארט, ניהאפט, נחום'ל וועט איבער קומען דעם פריזיוו... לסוף !...

— ברכה ! ניט שיט זיך זאלין אויף אייערע וואונדין... פאר וואס גערייגקט איר ניט ר' ברוכם ווערטער ; "דער אובח, פאר גיט איין נייזין

דעם בעל הבית ! ... מיר מענשן זיינען דא אורחים , און נאט איז דער בעה״ב , זאל ער פיהרין וויא ער פאר שטייט , וויא בעסער איז ד׳ ...

ר׳ אברהם מאיר , גאנץ ריכטיג , אמת ! אבער דער ווילע פאר שטייא איך , ווען מיין נחום׳ל , וואלט איך אזוי פיל דאגה , אזוי פיל זארג , ניט גיהאט ; ער וואלט חתונה גיהאט : מיר וואלטין אלע זיך זיך גיזעסין , אין אונזער ווינקעלע ... אבער איצט ? קאנען מיר 3 טילבין , 3 שוואכע נפשות , צין דארטין אליין ? און ווידער , איז יאנקעלע דער איינציגער קדיש זאגער ! אויפין מטעם דארט , איז קיין מנינים ניט דא ! ...

— אויב אזוי , איז נאך זיין מיינונג , די גליכסטע , און בעסטע זאך פאר איך , פאר דינגען דיא קרעטשמע׳ .

— איך מיין אויך אזוי ! אבער וואו נעמט מען , איין ערליבען מענשין , וואס ער זאל אונז דער נאך , קיין שלעכטעס ניט טאהן ?

— וואס פאר אשלעכטעס , קאן איך יענער טאהן ? די אופלאווע מיט דעם פריץ האט איר געמאכט , ניט יענער ! און דיא אופלאווע וואס איר וועט איצט שרייבין , וועט זיין גישריבין , נאר אויף די צייט , וואס איר פאר דינגט אים דער עיקר איז , אויף וויא לאנג , קאנט איר פאר דינגען ? — מיין אופלאווע מיט דעם פריץ , איז אויף 6 יאהר ; אראפ , קאן איך פאר דינגען אויף פיר יאהר !

— אויב אזוי , דארפט איר ברכה , כלל ניט זארגען ; פאר שטייט איר , אויף איין יאהר צייט , אפילו אויף 2 , וואלט קיינער ניט וועלין דינגען ; 2 יאהר דארף גידויערין ביז מען געוואהנט זיך צו , לעבין אין אנא מדבר , ניט מורא האבין אויף פיר יאהר צייט , בין איך אליין אקונה ! און מיר דאכט מיר אזוי , מאגט איר געווים גלויבין ! דער דראך פון קרעטשמע , און דער מראק , פון נחום׳לם קלויזע , איז איין צייט ; נחום׳ל וועט צרוים פון קאלבאטין , און איך פון קרעטשמע !

ר׳ אברהם מאיר ! איר האט פון מיין קאפ ארונטער גענומען , אגרויסע משא , אגרויסין בארג ; אפשע זאלט איר אייערע קינדער זיין ! לאנגע גליקליבע יאהרען איך !

— מארגין , אדער איבער מארגין , וועלין מיר צריין זיין צום רב , ער וועט אונזער אופלאווע אן שרייבין אויף אידיש ; אזוי נוט

וויא איר גלויבט מיר, גלויב איך אייך ברכה!

דיא זאך, איז נאך עטליכע מאל איבער גירעדט געווארין, און הייליג בעשטימט געווארין. —

אויפין דריטען טאג האט ברכה גיהאלטין אין קעשענע, דעם רבס אן געשריבענע אוסלאוויע.

3.

ר' אברהם מאיר כשב, איז אמענש, פון איאהר 38 ניט מער; ניט קיין הויכער, ניט קיין נידעריגער, נאר פעסט געבויט; זיין קאפ, מיט זיין שוועדיגין בלוט רויטען פנים, זייגען באדעקט מיט פעך שווארצע האר; זיינע קאלעדיגע אויגען, זייגען מגלה זיינע מחשבות; און זיין אפטער חראפ מיט דעם נאז, דער בייא געבענדיג אנאהרחיל מיט דעם הלז, מאכט אויף דעם דער בייא שטייענדיגען, אמיאוסין איינדרוק. —

ר' אברהם מאיר כשב, איז אפראסטער איד, נייער אפראסטער!

זיין טאטע דער בעל עגלה, איז ניט קיין בע"ג געדאכט, אפ עסט גידיג פריהשטאג 1/2 צעהענדליג גרינע אוגערקעס אויף אמאל, פאר האפט גיווארין מיט חלירינע; איבער לאזענדיג דעם קליינעם 8 יאהרעגין יתום, אברהם מאירין, וויא אויפן וואסער; 8 זמנים האט ער גילערינט אין ת"ת, און ביים ענדיגין זיין סטודיום, האט ער ניט גיקאנט צו-נאמען ציהען צווייא ווערטער; — „אזא פויערשע קאפ איז ניט בנמצא!" פלעגין דיא מלמדים דער ציילין. —

ביים 13 טען יאהר, איז ער גיווארען אמשרת, געפויעט פערד מיט דיא בהמות, גיראמט שטאלין; און מיט דיא מלאכה, האט ער זיך באשעפטיגט, ביז זיין אכצעהען יאהר.

און דארט אין שטאל, האט דער מזוג, אים צו געשיקט זיין זווג, דיא דינסט מירל, וואס האט דיא בהמות געמאלקין; און מיט די הילפע, פון גוטע מענשין, האבין זייא ביידע חתונה געהאט. —

נאך דער חתונה, זייגען דיא פאר פאלג מגולגל גיווארין, אין דיא גרויס נ שטאדט ב... על פי סבה איז ער דארטין — דורך אקרוב פון דיא ווייבס צד — בעקאנט גיווארין מיט אחברה וואס האנדלען

מיט „מציאות״ . . . אברהם מאירס טאלאנט , האט אנגעהייבען זיך פאנאנדער וויקלען ; ער האט דיא חברה געדינט געטריי , אונ זיא האט אים געצאהלט געטריי : נאך אמשך פון 3 יאהר צייט ; האט פאליציי דיא חברה-לייט דער טאפט ! אברהם מאיר , האט מיט גליק גישפילט , בעצייטינגס גמלט גיווארען , אונ איז אן גיקומען אין די יודישע שטאדט ז׳ . . . וואו מיר געפינען זיך איצט .

תחלת האט אברהם מאיר זיך באזעצט , אויפין ברעג שטאדט , ווייט פון אידין ; אפ געזוכט חברה לייט , אונ האט היפשע עטליכע יאהר מצלים גיוועזן ; פון דיא מציאות גאנץ רייך געווארין , אנגעהייבין ביסלעכוויים , זיך לאזין דער קאנען אין שטאדט ; אוים געליען עטליכע טויזענטער אויף פראצענט . דווקא ביא נגידים , אונ האט באקומען אנאמען מיט א „רבי״ !

ר׳ אבר ם מאיר , האט זיך אריין געקליבין אין שטאדט ; גיעפינט אין מארק אמאנופאקטור קלייט , אונ אפ געהאנדעלט עטליכע יאהר מעשה סוחר ; אידעלאך האבין גיזעהן , אידעלעך האבין פארשטאנען , אז ר׳ אברהם מאיר , איז ראוי והגון , ווערין ביא אידין , אשטיקעלע מנהיג ; מען האט אים געמאכט פאר אנבאי אין חברה תלים , דער נאך פאר אנבאי אין חברה קדישא ; אונ ר׳ אברהם מאיר איז גיווארין כל וכל , דער ערשטער בעל דעה , דער ערשטער פיהרער פון אלע קהלשע ענינים , אין ז׳ . . .

זייענדיג דער שליסעל פון אלע חברות , דער מחלק פון אלע צדקה געלטין ; האט ר׳ אברהם מאיר געוואוסט , פון דיא הונדערט רובילס צדקה , וואס ברוך דער קרעטשמער גיט איבער דעם רב , שטילערהייט , אויף צו טהיילין צווישין נויט באדערפטיגע ; אונ ביא ר׳ אברהם מאירן , האט זיך ניין מוח אויף געהייבען קלערענדיג , — וויא גרוים מוז זיין ברוכס פרנסה , וויפיל פאר דינט ער , אז ער שיט , אזוי פיל געלט אזוי פיל צדקה״ . . . — אברהם מאיר , האט דעם טעם גיט פאר געסין ; ער האט געוואוסט , אז אין אזא שטילין ניטיגען ארטיל . . . וואס דער ביא איז אגרויסער דארף . . . קאן מען מאכין נוטע גישעפטין ; דארט קומען פאר אלערלייא גליקין , מיט אלערלייא מציאות . . . אין איין אווענד , אין איין שעה קאן מען דארט פאר

דִינְגֶען , פִיל מֶער , וְויפִיל דִיא בֶּעסְטֶע גְרֶעסְטֶע קְלֵייט , אִין מַארְק , פַאר אַהַאלְב יָאהר . . . — בַּייא ר׳ אברהם מאירן , הָאט נִיט גִיקָאנְט זַיין וֶועגִין ברוכן קֵיין אַנְדֶער מַחְשָׁבָה , נָאר וְוי דִי , אַז עֶר ברוך , בַּאשֶׁעפְטִיגְט זִיךְ , מִיט דֶעם זֶעלְבִּיגֶען מִסְחָר , וָואס אַמָאל עֶר . . . — אוּנ ר׳ אברהם מאיר , הָאט אָנְגֶעהֵייבִּין , זִיךְ פְּבֵיינְדְלֶען צוּ ברוכן , זֵייעֶר שְׁטַארְק ; פַאר שְׁלֶעפִּין אִים צוּ זִיךְ אִין קְלֵייט , אָפְּט מָאל אַהֵיים , מִיט דֶעם גְרֶעסְטִין כָּבוֹד , מִיט דֶעם פֵּיינְסְטִין כָּבוֹד ; אוּנ אַנִב אוֹרְחָא , אוֹיס פְּרֶעגִין , פָּארְשִׁין , וְויא עֶר לֶעבְּט אִין פוּסְטִינֶע . . . וְויא עֶר הַאנְדִילְט דָארְט . . . צוּ בְּרֵיינְגֶען אִים חֶבְרָה לֵייט ; בַּייא טָאג , בַּייא נַאכְט , מְצִיאוֹת . . . אוּנ וואוּ וֶוערְט עֶר זֵייא פָּטוּר . . . וואוּ בֶּעשְׁטֶאט עֶר זֵייא ? . . . אוּנ אַז ברוך הָאט אוֹיף אִים אוֹיס גִישְׁטֶעלְט , אַפָּאר גְרוֹיסֶע אוֹיגֶען . . . זָאגֶענְדִיג : „זָאל גָאט אוֹיף נֵייטֶער , מִיר אֵיין הִיטִין , אוּנ אוֹיס הִיטִין , פוּן מְצִיאוֹת , פוּן גְנֵבוֹת . . . אִיךְ וְויל נִיט וְויסִין דֶער פוּן !״ . . . הָאט זִיךְ ר׳ אברהם מאירם חָשַׁד , נָאךְ מֶער פַאר שְׁטַארְקְט . אַז ברוך אִיז אַטְרוּס , אַפְּהָקֶן , עֶר הָאט מוֹרָא , אוּנ עֶר שֶׁעמְט זִיךְ , מְגַלֶה זַיין פַאר אִים , דֶעם אֶמֶת . . .

מִיט דִיא זֶעלְבִּיגֶע אֵייגֶעלֶעךְ , וָואס דִיא קַאץ , שְׁטֵייעֶנְדִיג אוֹיף דֶער עֶרְד אוּנְטֶערִין בּוֹים , קוּקְט אוֹיף דִיא פוֹיגֶעלֶע וָואס שְׁטֵייט אִין דֶער הוֹיךְ אוֹיף אַצְוַויינֶעלֶע ; הָאט ר׳ אברהם מאיר כִּבְשׁ גִיקוּקְט אוֹיף ברוכן , מִיט זַיין קְרֶעטְשְׁמֶע ; אַסַאךְ אוּנְרוּהִיגֶע טֶעג מִיט נֶעכְט , הָאט ר׳ אברהם מאיר גֶעהַאט , טְרַאכְטֶענְדִיג קְלֶערֶענְדִיג , וְויא אַזוֹי שְׁטוּפְּט מֶען ברוכן אַרוֹיס , אוּנ וְויא חַאפְּט עֶר זִיךְ אַבֵּיין , אִין דֶעם גְלִיקְלִיכִין , גָאלְדֶענֶעם , אוּנ זֶעלְטֶענֶעם אָרְט . . .

נָאר ר׳ אברהם מאיר הָאט זַיין הָאפְנוּנג נִיט פַאר לָארִין ; זַיין אַהֲבָה , זַיין פְּבֵיינְדְשַׁאפְט , הָאט עֶר מִיט אַלֶע מֶעגְלֶעכְקֵייט פַאר שְׁטַארְקְט ; גֶעגוּסֶען עֶטְלִיכֶע מָאל בַּייא ברוכן הִיפְשֶׁע גְמִילוּת חֲסָדִים ; אָפּ גִיגֶעבִּין ברוכן סְחוֹרָה . אוֹיף קֶרֶן ; פְלֶעגְט אָפְּט פְּרֶעגִין בַּייא ברוכן אֵיין עֵצָה , אִים אָן טְרוֹיעֶן סוֹדוֹת ; אָנְגֶעהֵייבֶּען אָפְּט בֵּיידִין , פוּן מְחוּתָּנֶעשַׁאפְט ; זֶועלְדִיקֶע זָאל זַיין אַקְרֵיקֶעלֶעם כַּלָה זַיין ; אוּנ אַלְץ מִיט דִיא מַחְשָׁבָה , מִיט דִיא עֶרְלִיכֶע כַּוָנָה ; טָאמֶער וֶועט בַּייא ברוכן לֵייז וֶוערִין זַיין צִינְגֶל . . . טָאמֶער וֶועט ברוך אָנְהֵייבִּין מְגַלֶה זַיין , פַאר אִים פוּן דִיא מְצִיאוֹת , פוּן דִיא גְנֵבוֹת , וָואס חֶבְרָה גַנָבִים , בְּרֵיינְגֶען

אים אין קרעטשמע...

אונ אונגעריכט, איז דיא פוינגעלע אריין געפאלין צו דיא קאץ, אין אירע שארפע שפיצינגע ציין...

ר' אברהם מאיר כבש, האט זיך אליין ניט גיגלויבט! הונדערט מאל, האט ער איבער געלייענט דעם רב'ס געשריבענע אוסלאוויע; טראכטענדיג, היתכן, איז מיר אזוי לייכט, גרינג וויא אהאר פון מילך, אנגעקומען אין איין ווילע, דער גאלדענער ארטיל, וואס איך האב לאנגע יאהרען אים געגארט אונ געווארט...

אין אפריילליכין גליקליכין טאג, האט ר' אברהם מאיר כבש, זיך גיזעגינט מיט אלע שטאדט לייט, מיט אלע גוטע פריינד, אונ איז מיט זיין פאמיליע אריין געפארין אין ברוכס קרעטשמע.

עס איז פאר ביא אחודש אונ צוויא.

ברכה דיא אלמנה האט פאר זיך מיט דיא קינדער געדונגען אין ד... אדירה'לע; זיא גייט אלע טאג אין שוהל, יאנקעלע זאגט קדיש זייער ערינסט; אונ זעלדקעלע האט שוין אירע בעקאנטע חברטעס; זיא בעט ביא דיא מאמען, אמאל מיט אזיפטין אמאל מיט אטרער, אפאר שטיבעלעטין, קאלאשין אשליאפע, איין אויבער בגד, זיא זאל זיין גליך מיט אירע חברטעס!

אונ ברכה טייס, אז זעלקעלע איז גירעכט: אין קרעטשמע וויא מען איז גינאנגען איז מען געגאנגען, איז גוט גיוועין; אבער צווישין מענשין, דארף אקינד זיין וויא אמענש; זיא האט געבעך שפיכות דמים... איר הערצעלע פאר גיסט זיך מיט בלוט. פון בייש; ביא אירע חברטעס אין די אויגען, האט זיא אפנים פון אשלעפערין...

דעם ערשטין מאל, האט ברכה אויס גיגעבין, די עטליכע רובל, אויף זעלדקען מיט פרייד; זיא האט אנגיקוואלין זעהענדיג, ווי זעלדקעלע לויכט, זיא שיינט אין דיא נאייע בגדים, אגאנצע פריצטע! נאר אז זעלדקע האט ניבעטין, אצווייטין, אדריטין מאל, ווידער אמארע, ווידער אנייעסל, אונ אבער אשמאכטע, איז ברכה מיד גיווארין; זיא האט אנגעהייבין, פאר שטיין, אז אשטאדט גיט ווייניג, אונ נעמט אסאך; אדארף געבט ווייניג, אונ גיט פיל מער...

ביא ברכה'ן אין הארצין, האט זיך געגאוועט אפונק חרטה.

(דאנאם) פאר

— פאר פאלין ! איצט מוזין מיר גאנצע פיר יאהר שווייגן און לײדין ; זאגט ברכה זייער אפט צו יאנקעלען .

וויא אמאל איינמאל, האט ברכה האָרין אנגעהייבען ציהען צו דיק , צו איר אמאליגע שטילע רוהיגע ווינקעלע ; זיא איז „עטליכע מאל , זיך דורך גיפארין מיט דיא קינדער אהין ... און טאקע ניט מער , וויא „עטליכע מאל" ; ברכה האט באלד באמערקט , אז ר' אברהם מאיר , מיט זיין טרײנעלען , קוקין ניט אויף איר , וויא אמאל ... אויך האט זיא , פון זייא גיהערט „אפאר" ווערטער — שטעכעדיגע . . . דעריבער האט זיא קומענדיג אהיים , צו יאנקלען געזאגט : „אויב איר וועט וועלין קינדערלעך , פארט אן מיר ... מען דארף לײדין און שווייגין" . .

און יאנקעל איז אויך מער ניט גיפארין אהין ; נאר זעלדקע פלעגט פארין גאנץ אפט ; זיא איז גיוועהן אנאסט ביא אלעמען , און נאך מער ביא אפריקען .

אז זעלדקע איז דעם ערשטין מאל גיקומען , אויס געפוצט אין דיא נײע בגדים , האט אפריקע ניט גיקאנט אפ רייסין זײנע אויגין פון איר , און האט געזאגט : „שיינע קלײדער , מאכין אשיינעם מענשין , שיין אן שיעור !"

און מיט יעדער מאל , איז אפריקעס הערצעלע , צו געקניפט , צו געבונדען געווארען , צו זעלדקען ; ביז ער האט זיא מגלה גיוועהן , שפאצירענדיג ביידע אין וועלדעלע אז ער האט זיא ליב , זיא זאל זיין , זיין כלה !

און וואס קאנען מיר העלפען ? . . .

עס קאן זיין , אז ניט ברכה און ניט יאנקעל ; ניט איך און ניט איר לעזער , זיינען מרוצה מיט דעם שדוך ; נאר , מיר דארפין שווייגין .

זעלדקע פארט צו אפט אהין . . . „איר הערצעלע געבעך !" זאגט דיא מאמע „ציהט אהין , אהין . . . צו איר גיבארענעם ארט !" . . .

4.

— „אפריקע אברהם מאיר'ס , איז אפיינער בחור ! לײדין צווישין זיך זיינע קרובים ; נאר אז מען זאל גלויבען זיין מאמאס ווערטער :

אפריקעלע (ראנאס)

„אפריקעלע איז אין גאנצען דער טאטינקע מיט די „בייגער"! וועלען מיר פאר שטיין, אז אפריקע, האט דעם טאטינס מעלות און חסרונות.

די מעלות, ער איז געזונד און שטארק, מיט אבווריק־רויטע פנים; זיין קאפ, און זיין בארדעלע זייגען, אויך מיט פעך שווארצע האר ווי ביים טאטען! — די חסרונות (אויף היינטיגע צייטען זייגען דאס אויך ניט קיין מעלות!...) קאן ניט אוואָרט עברי, ווייס ניט, ווי מען מאכט אהמוציא איבער אדונער, אזוי ווי דער טאטע, און צו אלעם דעם איז ער „אגאז טיבל": דעם נאמען „גאז־טיבל" האבען אים זייגע חברים מוסיף געווען; און דער צוגעלייגטער נאמען, איז געווען א ריכטיגער שפיגל, וואס אין אים האט זיך צאפ געשפיגעלט אפריקעס גרויסער חסרון. — אפריקען האט געפעלט דער כוח השופט, (אורטייל קראפט); ער האט בשום אופן ניט געקאנט בעטראכטען אזאך, און זאגען זיין ריכטיגען מיינונג, זיין אורטייל, פעסט בעשלאסען, „יא אדער „ניין!" „גוט אדער שלעכט" „שווארץ אדער ווייס"; ביי אזעלכע ענינים, פלעגט ער תמיד, אוים גלאצין זייגע גארשע אויגען, אריין קוקין דעם צווייטען אין מויל, הערען וואס יענער זאגט, און נאך זאגען.

האט אפריקע געהערט, ווענען אין ענין, בעדלס מיינונג — „גוט" האט ער די מינוט געזאגט, געשריען: „גוט! זייער גוט! בעסער קאן גאר ניט זיין!" אין א ווילע ארום, האט ער געהערט, שטערלס מיינונג, וועגען דעם געמליבען ענין — „שלעכט!" האט אפריקע, באלד געשריען, געזאגט: „שלעכט! שלעכט אן אברענג" האט ער געהערט ביידענדיג יאקלען וועגען אזאך, אז זיא איז שווארץ; האט אפריקע געשריען מיט קולי קולות, אין אלע גאסין: „א שטייגער שווארץ, מורא'דיג שווארץ! ווי א טינט!..." תוך כדי דבור, האט ער פון יעקלען געהערט — וועגען די זעלביגע זאך — „ווייס!" איז ער גיט מיד געווארין שרייענדיג — „ווייס!" אבער ווייסט איר ווי ווייס? ווייס ווי א קאלך, ווייסער פון שנעה; אזוי מאדנע ווייס ווי אידישע תכריכים!..."

אפריקען האט מען געקאנט קנייצען, קעהרין, דרייען, ווי איינער האט געוואלט; נאטור אנאז־טיבל, קנייץ איר אויף אלע זייטין.

פאמעלעך זייגען זיך איבער געלאפען צוויא יאהר, צייט אפריקעלע פירט אליבע מיט זעלדקען; דיא ליבע איז שטארק ווי

איזען, דיא ברעגעט וויא פייער; דאכט זיך או קיינער קאן זיא ניט ברעכען, קיינער קאן זיא ניט לעשען...

זעלדקע, האט אפילו א ניהערט עמיל'ע ווארטער פון דיא מאמ'ס מויל, או זיא ברכה, איז "אונצופרידען, פון זיי... זיא האט דיא אלעמען פיינד!.." נאר זעלדקע האט צוא געשוויגען טראכטענדיג: "דעם אמען איז אפריקעלע צום פריזיוו, זאל נאר נאט געבען, ער וועט איבער קומען, וועט די מאמע אויך מרוצה זיין."

אפריקע פון זיין מאמע מאמע, האט דווקא ניט איין שלעכט ווארט ניהערט, די גאנצע צייט, ניט וועגען ברכה'ן, און ניט וועגען זעלדקען; אדרבה, ער האט פון זיי, פארשטאנען, אז זייא קלייבען נחת פון זיין ליבע... — נאר אפריקע האט שלעכט פאר שטאנען... דעם אמת'ן רעזולטאט, האט ער פון טאטען ניהערט, דעם זעלבינען טאג, פון דעם פארען צום פריזיוו קיין ז...

— "אפריקע!... דוא האר, וואס איך וועל דיר זאגען; מיט זעלדקען, זאלסט דו מער קיינע בעקאנטשאפטען פירען! זיא איז ניט דיין כלה; קום איבער דעם פריזיוו וועט מען דיר געבען אכלה, א שיינע, מיט אמאך נדן... זעלדקע איז אנארעש מיאוס מידיל!..."

— "זייער אנארעשע, זייער אמאוסע! אזוי נארעש און מאוס, איז ניט דא, אין אהאלבע וועלט! אשרעקליכע נאר, אמורא'דיגע מאוסקייט!.." — מער, זאלסט דו זיך, מיט זעלדקען ניט באגעגענען אין ז... ניט ריידען מיט איר, אוים ווייבען!...

— "אוים ווייבען, טאטע, וויא אמגפה! איין ווארט ניט, איין זילבע ניט!.." און אפריקע, האט זיין הבטחה דעם טאטען, מקיים געווען. — אשטיינער האט זיך זעלדקען, דער ווילע, ניט גיחלומט, זיא האט שוין ניט קיין חתן; טאג אויף טאג האט זיא געוואַרט, געציילט די מינוטען.. "דאנקען גאט, היינט האט מען געצויגען די שערבעס... און היינט, האט זיך דער פריזיוו שוין גיענדיגט! אפריקעלע איז בעפרייט... אלע זאגען, ער האט ארויס געצויגען אהויבען נומער! מיינע תענתים.. זיי האבין געווירקט... זיי האבין איס ארויס גיראטעוועט!.." און זעלדקען חדושט זייער שטארק. —

פאר (דאנאס)

„פאר וואס קומט ער ניט ?...“ איז ער נאך אלץ צו טראגען ? צוא שראקען ? נאך אלץ זיך ניט בערוהיגט ?...

אירע חברטעס, וואס ווייסען אירע ליידין, אונ „פריידין“ זיינען געקומען, אונ גערריקט איר האנד, שטילערהייט זיא אפ גענעבען מזל טוב, געוואונשען אין ניכען אויף תנאים אונ דער נאך אויף חתונה, מיט אפריקעלען!...

עס נייט פאר באי נאך אטאג; זעלדקע איז אויסער זיך, פ‌ן פעס, פאר דאס, מיט יסורים... איר הארץ קלאפט וויא אהארמאט, וואס זיא קלערט איבער, קאן דער גרעסטער שונא זיא ניט וויגשין... „גוואלד וואס בעדייט דאס? וואס ער קומט ניט? וואס ער יאוועט זיך ניט? היתכן האט ער פאר געסען, אז איך בין דא?...

זעלדקע איז גאטאוו גיוועז, זיך דורך גיין אין גאס... אפשר וועט זיא אים זעהן... טאמער וועט זיא אים באגעגענען... נאר, די בושה... אי, דיא שאנדע!... „ניין! איך וועל נאך ווארטען, נאך אטאג, נאך אטאג!...“ — אונ וואס מער אטאג, מער ווערט זעלדקע צו געבונדען צום שטוב, צום בעט... צו איר קראנקען. טויד קראנקען ברודערס בעט...

יאנקעלע, איר ברודער יאנקעלע, איז געבעך מורא'דיג שלאף, קראנק צום שטארבען! זיינע כוחות גייען אויס...

אונ די גיטרייע שוועסטער קלאגט, זיא גיסט טייבין טרערין... נאר אטעות, א מאוסין טעות!

אז זעלדקע האט יענע וואך, כמעט אלע טאג גיפאסט; האט ברכה געזאגט: „פאסט מיין טאכטער, בעט גאט פאר דיין ברודער, ליבע קינד מיינע, וויפיל ברידער האסט דו?...“ איצט אז זעלדקע האט געקלאגט געוויינט; האבען אלע געזאגט: „וואס ווייסט איר? אשוועסטער איז זייער אגעטראיע זאך! דעם לעבען, דעם לעבען אירען, איז זיא גאטאוו אפ געבען, אביא „אים“ ראטעווען!...“

אונ אין אמת'ן, האט זעלדקע זיך אליין, באוויינט! אונ אויף אירע צרות, האט זיא אסאך מער געקלאגט...

ר' אברהם מאיר מיט זיין זון, זיינען אין ז. פאר בליבען אויף

שַׁבָּת; אוּנ שַׁבָּת פְּרִיה פוּן שׁוּל, פַאר רוּפֶען דֶעם עוֹלָם, צוּ זִיךְ אוֹיפֶען קִדּוּשׁ-אַטִיר, אוֹיף בְּרָכָה. — אֵיינֶער פוּן בָּרוּךְ'ס עָלָיו הַשָּׁלוֹם קְרוֹבִים, הָאט בְּעֵת הַקְּוָה, בַּיים לְחַיִּים, אַטְאפּ גִיגֶעבֶּען ר׳ אברהם מאיר'ן בַּיים דַפֵּק ... אוּנ גֶעזָאגְט: „ר׳ אברהם מאיר! לְחַיִּים! לְחַיִּים, מִיר דַארְפֶען דָאךְ מַאכֶען אַדְאפֶּעלֶען לְחַיִּים! ... הַא! מִיט גָאטֶעס זַיינֶער הִילְף, מִסְתָּמָא אִין גִיכֶען, וֶועלֶען מִיר טְרִינְקֶען אוֹיף אַפְרִיקֶעלֶעם תְּנָאִים מִיט זעלדקעלען? ... לְחַיִּים! ... אוּנ אברהם מאיר, הָאט פַאר קְרִימְט דֶעם פְּנִים, אוּנ מִיט צְשְׁטַארְקֶען פַאר אִיבֶּל גֶעזָאגְט: „דֶער יִחוּס אִיז נִיט גִיעֶר גְרוֹיס ... קִינְדֶערְשֶׁע זַאכֶען! ... פוּן דִי דוּמְהַייטֶען וִויל אִיךְ נִיט וִויסֶען! ...” — אוּנ דִי וֶוערְטֶער, הָאבֶּען זִיךְ גִיהֶערְט גַאנְץ וַוייט ... זעלדקע הָאט זִייא אוֹיךְ גִיהֶערְט, אוּנ נִיצֶענְדִיג שִׁבְעָה נָאכֶען גֶעשְׁטָארְבֶּענֶעם בְּרוּדֶער, הָאט זִיא פַאר אֵייגֶס אִין זִינֶען גֶעהַאט, דֶעם חָתָן מִיט דִי לִיבֶּע ...

5.

עֶס זַיינֶען פַאר בַּאי גִינַאנְגֶען, נָאךְ צְווַיי יָאהר.

דִי גֶעשְׁטָארְבֶּענֶע לִיגֶען אִין דֶער עֶרְד, אוּנ אַז דִי עֶרְד דֶעקְט צוּ מוּז מֶען פַאר גֶעסֶען; אוּנ אַפְּנִים, דֶערִיבֶּער פַאר גֶעסֶען דִיא גֶעשְׁטָארְבֶּענֶע אוֹיף דִי לֶעבֶּעדִיגֶע, גִיכֶער וִויא דִיא לֶעצְטֶע אוֹיף דִיא גֶעשְׁטָארְבֶּענֶע! אוּנְטֶער דִי דָאזִיגֶע דִיקֶע עֶרְד קָאלְדְרֶע, לִיגֶען זִיךְ דִי גֶעשְׁטָארְבֶּענֶע גַאנְץ רוּהִיג; קֵיין דְאָגָה, קֵיין זָארְג! דִי וֶועלְט מָאג זִיךְ אִיבֶּער קֶערֶען, אֵיינֶער דֶעם צְווַייטֶען מָאג שְׁטִיקֶען, וָוארְגִין, דֶער שְׁלִינְגֶען, אַבִּיא זַייעֶר אוֹיג זֶעהט נִיט, זַייעֶר אוֹיעֶר הֶערְט נִיט, קִימֶערְט זֵיי נִיט! אוֹיפֶען אִידִישֶׁען בֵּית עוֹלָם אִין ז... גָאר נִיט וַוייט פוּן שְׁטָאט, אוֹיךְ נִיט זַייעֶר וַוייט פוּן ברכה'ן, לִיגְט ר׳ בָּרוּךְ, אוּנ זַיין זוּהן, יאנקיל, אוּנ בֶּעקִימֶערְן זִיךְ גַאנְץ וֵוייניג, וָואס אָט בַּאלְד, עֶנְדִיגִין זִיךְ דִי פִיר יָאר, וָואס ר׳ אברהם מאיר, דֶער אֶמֶת'ער גוּטֶער פְרֵיינְד, הָאט דִי קְרֶעטְשְׁמֶע גֶעדוּנְגֶען פוּן ברכה'ן; אוּנ וֶוער וֵוייס, אוֹיב עֶר וֶועט וֶועלֶען אַפּ גֶעבֶּען דִי אַלְמָנָה, צוּרִיק אִיר וִוינְקֶעלֶע ...

נָאר דִי לֶעבֶּעדִיגֶע, ברכה מִיט אִיר טָאכְטֶער, אוּנ נחום'ל דֶער סָאלְדַאט, זֵיי זָארְגֶען, זֵיי קְלֶערִין אִיבֶּער וֶוענֶען דֶעם זַייעֶר אַסַאךְ.

(דאנאס) נחום'ל

נחום׳ל שרייבט פון פאלק: „מיט נאטעס הילפע, קום איך אין גיכען אהיים!“ אונ ברכה ציילט די מינוטען, די פיר יאהר זאלען זיך גיכער ענדיגען; אונ זיא מיט דיא קינדער זאלען צוריק אביין אין קרעטשמע. — פאר די פיר יאהר, איז ברכה געעלטערט געווארען; זיא איז שוין איין אלטע אידינע, דער שטאדטשער לעבען, האט לייזיג געמאכט איר קעשענע.. צו קנייצט, צו קארטשעט איר פנים — איינע צרות! — ברכה איז אונרוהיג, זייער אונ רוהיג, זיא עסט ניט זיא שלאפט ניט, אונ לעבט ניט!

— „מיין הארץ איז מיר צוזוי שווער! — זאגט ברכה צוא זעלדקען, — זאל נאר גאט רחמנות האבען!... איך האב זייער „יורא מיין מאכטער, מיר חלומט זיך, אז ר׳ אברהם מאיר, ווען אונז ניט אפ געבען די קרעטשמע...“ אביטערער זיפטץ, אשווערער, האט זיך ארויס געריסען פון זעלדקעס ברוסט.

— וויא איך פאר שטעה, איז ר׳ אברהם מאיר׳ס בלאזן זיך, וויא אפאר שפיל פאר צחתונה... איך זאג דאך תמיד, „מען דארף ליידען אונ שווייגען!“ וויא אזוי קומט ער ניט, אונז מנחם עין, טרייסטען, פרעגען וויא אגוטער פריינד, וויא מיר לעבען?... ער נייבט אונז אוים, וויא ער קאן אונז ניט, וויא ער האט מיט אונז קיינע געשעפטען ניט... — אנדער אומלאווינע ענדיגט זיך, נאך אין צוויי וואכען ארום! האט זעלדקע געזאגט: איך מיין, דוא האסט נעבאפט היינט מארגען זיך דורך פארען צום פריץ, מאכען מיט אים אגייע אומלאויע!

— דו ביזט גערעכט מיין טאכטער, אזוי דארף מען טאהן, גייא מאכע באלד, דינג אפורל, אויף מארגען נאך פריה, צו פארן.

דער מארגען איז געקומען, צו זאגען מיט די באשטעלטע פור, אונ עלף אזייגער אין דער פריה; איז ברכה ארויף געפארען צום פריץ אויפען הויף, נאר גאט אין הימל, וואס פאר אשמאך, האט איר געגעבען אין הארצען!... ברכה האט זיך באגעגענט, מיט ר׳ אברהם מאיר׳ן, וויא ער גייט פון פריץ...

אברהם מאיר, האט געוואלט זיך אפ קערין, אוועק דרייען, זיך מאכען ניט זעהענדיג... נאר ברכה האט אוים געשריען:

ר׳ אברהם מאיר ! ?

דעם מאל האט אין איר ציטערדיגען קול געקלונגען , אזא טיפע גיבעט מיט אזא הארצעגברייסענדע בקשה ; גראד וויא יענער אונגליקליכער וואס דעם וואלד-גזלנס האק , שוועבט איבער זיין קאפ ; און פלוצלונג האט דער אונגליקליכער דערקאנט , דעם פאר מאסקירטען רוצח , אז ער איז זיינער אקרוב , אבעקאנטער גוטער פריינד , און שרייט אוים , מיט אמין געשריי , וואס איז אוים גימישט , אי כלומר׳שט אפרייד , אי אשטיקל האפפונג , אי אגרויסע בקשה ... האב רחמנות ברודער ! לאז מיר לעבען , איך האב קליינע פיצלעך קינדער ... און אין קעשענע גיט אצו בראכענע פרוטה ! ... אפאר מישונג פון דאם אלעם אין איינעם , האט זיך איצט געהערט אין ברכה׳ם אוים געשריי .

ר׳ אברהם מאיר ! ! !

און ר׳ אברהם מאיר האט זיך אפ געשטעלט .

דאם איז גיוועזן אשרעקליכע רגע ... ביידע האבין געשוויגען , ביידע האבען אוואָרט ניט געקאנט ריידען ; ברכה פון יסורים , אי ר׳ אברהם מאיר , פון ביוש ...

— זייט איר ביים פריץ גיוועזן ? איז ער אין דער היים ? האט ברכה צום לעצט גיפרעגט .

— יא ! ... האט אברהם מאיר גיענטפערט , שטייענדיג מיט אהאלבען פנים צו ברכה׳ן , און קוקענדיג צו דער ערד ...

— ר׳ אברהם מאיר ! זאגט מיר , וואס זייט איר ברוגז ? זאגט דעם אמת , וואס פאר שלעכטעס האב איך אייך געטאהן ?

— איך האב ניט איצט קיין צייט , הערען אייערע דרשות , איך מוז גיין ! האט אברהם מאיר געזאגט , און אוועק געשפרייזט גאנץ גיך .

ברכה איז געבליבען שטיין אנידער געשלאגענע .

עס זיינען פאר באי נאך צעהן מינוט , האט ברכה געוואוסט דעם אמת׳ן רעזולטאט , פון איר מורא , פון איר שווער הארץ , פון אירע אומעדיגע מחשבות , און וואס בעדייט ר׳ אברהם מאיר׳ם ברוגז .

דער פריץ האט ניט געלייקענט ; דער צײלט ברכה׳ן דעם אמת , אז מיט איין שעה צו ריק , האט ער אונטער געשריבין די אוקלאווע ;

די קרעטשמע האט ער פאר דונגען אברהם מאירן אויף ניין יאר צייט, פאר צוויי טויזענט זיבן הונדערט רובל, געלט שוין אויפען טיש, ביז אין פרוטה! קאקארסט האט אברהם מא״ר, אים אוים געצאלט די גאנצע געלט, אונ אפ גענומען די אוסלאוויע...

דער פריץ האט גיענדיגט זיין רעדע.

ברכה האט גיגעבען אשטילן, איין אוים געצויגענעם זיפטץ — אי! ... געבייגענזיבין דער ערד, איז ברכה ארוים געגאנגען פון פריץ — אצו מישטער, אפאר קילטער, איז דער פריץ גיבליבען זיצען, ווען ברכה וואלט, מיט אפייערדיגען שפיז, דורך געשטאכען זיין הארץ, וואלט ער ווייניגער יסורים, ווייניגער ווייטאג געפיהלט, ווי פון איהר קרעכצן.

אצייט, אצייט, האט ברכה׳ס "אי" געקלונגען ביים פריץ אין די אויערן.

6.

יעדער איינער פון די שטעטעל ז... קוועצט מיט די פלייצען.

יעדער באי זיך אין דער היים, באי זיך אין ספאילניע, געפינט ניט קיין נאמען, ווי ער זאל רופען די רציחה... מען געפינט ניט אזעלכע שווארצע פארב, וואס מען זאל קאנען אפ מאלען די מאוסע עולה! — "שטייטש! אוים נארען איין אלמנה, אוים דינגען איר, פון איר קרעטשמע! ...

נאר ניט אזוי, לגמרי ניט אזוי, ווערט דער פון גערעדט, גיטאלקעוועט אין קלויז. אויפען מארק, אויפין ריאד קלייטין א. ז. וו.

ניט לייזענדיג אפרוטה, קלייבען זיך צוא זאמען אלע שניידער באי איין קלייט, מען בעטראכט די וועלט, מען רעט. מען דער ציילט פאר שיידענע נייעס.

— "איר האט גיהערט רבותי?" רופט זיך ארוים איינער מיט אשפאנגעל נאעם נייעס: איר האט גיהערט? ברכה די אלטע, די אלמנה איז נייער קראנק! איר האט געהערט דער פון? ...

— פון וואס? ... דער פון וואס זיא איז קראנק?

— נײן! דער פּון . . .

— רעט װערטער! װאָס טױגען דאָ רמזים? :

— היתּכן, װײס גאָר קײנער ניט דער פּון?.

— פּון װאָס! ? זאָגען עטליכע מיט אַמאָל, מאַכענדיג אפּנים מיט תּנועות, װיא זײא װײסען געװעק ניט, קײן זאַך, און פאַר שטעהן גאָר ניט.

— אָט פון דער מעשׂה... מיט . . . ר׳... מיט די קרעטשמע... האָט איר גאָר ניט געהערט!??

— אָ! . . . יאַ, יאַ, געהערט!

— נו? . . . װאָס זאָגט איהר?

— „װאָס זאָל מען זאָגען?“ ענטפערט אַביטערער יונג: איך װײס ניט, װער פון אונז װאָלט בעסער געװען? אגוטען ביסען פון טױל, װילט זיך קײנעם ניט אָפּגעבען צוריק . . . אין דער װעלט עקסיסטירט ברודער איין כּלל, „אַנאַר ניט, אַקלוגער נעמט!“

— „רעט איר, מײן ליבער, ניט װיא קײן ערליכער מאַן!“ האָט אַסוחר איין אַלטער קלוגער מאַן געזאָגט: דער כּלל אײערער איז געזאָגט געװאָרין, נאָר בײא אַבײגל, װאָס איז װערט אַקאָפּיקע! איר פאַר שטײט? דאָ רעט דער פּסוק פון איין אַלמנה, איתומה, און אַבײעדנער אָרעמער סאָלדאַט, װאָס איז גיקומען פון סלוזשבע . . . און מען האָט זײ אױס געגאַרט, אױס נעחיטרעװעט; און װער? אַגוטער פרײנד! . . . און װער איז דער גוטער פרײנד? אַ „רבּי!“.. און דער „רבּי“ טוט אַפּ אַזאַ נבלה, לעיני כּל ישׂראל; און איהר ברידערליך, זאָגט: אַז ער איז גירעכט, גוט אַזױ! דאָס איז אַכּלל!.. איז אָפּ גירעט . . . מאָגען מיר באַלד, די מינוט, נעמען דעם אַתּה בחרתּנו!“ און פאַר ברענען . . . אױף אַש!

— איך װײס, איר רעט אַלטענקער מיט אַפּניה . . .

— דהײנו? װאָס פאַר אַפּניה?

— איהר זײט נאָך אַלץ ברוגז, װאָס ער האָט איך אַמאָל ניט געליען קײן געלט . . . װאָרום װיא איר זײט שױן גאָר אַצדיק, װאָלט איר זײן, אין אברהם מאיר׳ס הױט, װאָלט איר אױך דאָס זעלבינע גיטאָן, װאָרום אין ברחום בגישעפט! . . .

(דאנאם)

— איך וועל איך זאגען מיין ליבער! האט דער אלטער געזאגט: „דער שלאפער וואס ליגט אויפען וועג, ער זעט, מען גייט, מען פארט, מען רייט, איבער אים אונ אט ווערט ער צו טראטען, צו ריסען אויף שטיקער; אונ דאך קאן ער זיך ניט אוועק רוקען, אראפ קאראבקען אן אזייט ... איז אסימן, אז ער איז שלאף מיט אמת אז ער האט ניט קיין כוחות . . .

אז מען וויל בּרידערלעך, די גרעסטע פאדלאסטין, די ערגסטע נידערטרעכטיגקייט, גנבה, גזלה, מיט רציחה, פאר גלעטען, פאר פוצען מיט אזעלכין ניט איז פאלשען וואורטל; אונ דעם, וואס ווילט ניט העלפען פאלשקייט פאר דעקין, אונ רעדט באפוצען, דעם שמירט מען אויס מיט בלאטע, דעם בעשולדיגט מען, אז ער האט פניות; דאס איז דער ריכטיגסטער סימן, אז מיר זיינען פארפארין... פאר קראבין, צו פיל, צו ווייט פון דרך הישר, פון מאנשליכקייט, פון גוטע יודעשקייט! דער אלטער האט זיך אפ גזיפצעט; אונ אלע דער באי זיטיענדיגע האבען געשוויגען, יעדער איז געווען פאר טראכט מיט זיינע מחשבות, יעדער האט דעם אמת ביי זיך גיוואוסט, אז דער אלטער סוחר איז זייער גירעכט.

אונ די אלטע ברכה, ווייס ניט פון די וכוחים, זיא איז געבעך זייער קראנק, זיא ליגט אן לשון, אן דעת; זיא ווייס אפילו ניט, אז איר בן יחיד, איר נחום'ל איז געקומען, ער שטייט ביי איר בעט, אונ גיסט מיט טרערען.

דאס איז דער דריטער טאג, וויא נחום'ל איז געקומען פון סלאבאדקע אונ האט אין דער היים געפונען אזוי פיל נחת...

די עטליכע רובל, וואס ברכה האט אמאל גיהאט, האבען זיי זיך, שוין לאנג אויס געלאזען... די לעצטע צייט האט ברכה מיט די טאכטער גילעבט אין דחקות; פיר יאר לעבען פון גרייטען, ניט פאר דינען אפרוטה; פיר יאר פירען אהוצאה אין שטאט; דער צו יאנקעלעס קריינק, מיט זיין טויד, האבין ארויס גישלעפט ברכה'ס לעצטע קאפיקעס... — ווער ווייס, וואס פון די קראנקע מיט איהר טאכטער וואלט געווארען, ווען נחום'ל וואלט ניט געקומען אקאראט צוא די רעכטע נייטיגסטע צייט! נחום'ל, האט מיט זיך גיבראכט גאנצע

(דאנאם) רובל

15 רובל פון סלוןשטשע, ברכה׳ס קריינק האט געדויערט 15 טאג, און באַי נחום׳לען איז געבליבען קאָרגע פינף רובל!

נחום׳ל מיט זעלדקען, האָבען זיך זייער געפרייט, וועהענדיג, אז די מאמע ווערט בעסער, זיא ווערט געזונד.

אַז ברכה איז געזונד געוואָרען, האָבען זיי אַלע דריי אָנגעהייבען זיך מיישב זיין, וואָס מען זאל טאָהן? ...

נאָך אַלע טראַכטענעס, קלערענעס, און קאָפּ בּרעכענעס, איז באַי זיי בעשלאָסען געוואָרען, זיי זאָלען אַריין ציהען אין וואר... סחורה וועט מען זיי געבען אין קרעדיט, ווייל דער עולם ווייס ניט ריכטיג וויא גרויס זייערע עניות איז; אַלע בויערין פון וואר... זיינען מיט זיי גוט בעקאַנט; די הוצאה וועלען זייא מיט גאָטעס הילף, דאָרט פאַר דינען. —

— געזעגט — געטאָהן!

צוויי חדשים צייט, זיינען די דריי נפשות געזעסען אין דאָרף וואר... בשלום ושלוה; די בויערין זיינען מיט זייערע אַלטע בעקאַנטע זייער צו פרידען געווען.

גאָר גענוג! ... וויפיל א שיעור? ...

אין איינעם פון די רוהיגע שטילע טאג; האָט דער פּריסטאַוו געשיקט רופען נחום׳לען צו זיך; און האָט נחום׳לען מודיע געווען, אַז אין פאַר לויף פון זיבען טאג צייט, זאל ער אַרויס פון דאָרף! ...

— וואו הין? .. האָט נחום מיט אַ ביטערין שמייכל געפרעגט.

— וואו דו ווילסט? נאָר ניט דאָ!

— פריץ! ... נחום׳לס ווערטער, זיינען געבליבען שטיין בייא אים אין האַלז.

— וואָס ווילסט דו זאָגען?

— מאַנשליכקייט ... יושר ... פאָנועסט! נאָר וואָס קום איך פון סלוןשטשע... אַקראַנקע מאַמע... אשוועסטער אַיתומה... דאָ געבאָרענע ... בעקאַנטע ... בעליבטע ... עדלעבע, שטילע ... פרעג אַלעמען ... אוים געחיטרעוועט ... אוים גענאַרט ... אָ, רחמנות! רחמנות! און נחום׳לס ווערטער, זיינען איבער געהאַקט געוואָרען פון הליפּען; זיין קול איז דער טרונקען געוואָרען אין זיינע טרערען ...

— מיין ליבער יוד, וואס בין איך אבער שולדיג? האט דער פריסטאוו געזאגט, זיין שטימע איז געווען זייער ווייך, פון זיין יעדער ווארט האט זיך געהערט מיטלייד, ערגערניס, קרייענקונג: — ניט מיין, אז מיר זיינען מיות רעות... גלויב מיר אסאך מאל, ווילן מיר ניט הערען... און זעהן! ... אבער וואס קאנען מיר העלפען? אז איר אליין... אייערע אייגענע ברידער זאמטאוועען!! פאר שטעהסט? זיי פרינוושדאיען, מען זאל הערין, מען זאל זעהן.

דו גלויבסט אפשר ניט, מיין ליבער! נא לייען דורך, אויב דו קוקסט אגראמעטנער, דעם פאפיר!

און נחום'ל האט גענומען פון פריסטאווס האנד דעם פאפיר, און אנגעהויבען צו לייענען.

דאנאס!

געגען זאקאן פון דריטען מאי 92 טען יאהר, האט דער איד נחום ן ברוך, זיך אריין געקליבען מיט א מוטער און א שוועסטער, אין דארף וואר... לבן, בעט איך דעם ה׳ פריסטאוו, זיי משלם זיין פון דארף, איך ערווארטע, אז דער ה׳ פריסטאוו וויים דעם זאקאן, און וועל ניט דארפען בעאונרוהיגען העכערע נאטשאלסטווע.

אברהם מאיר כבש.

— דאס'שרייבט אברהם מאיר?...

נאר נחום'ל האט ניט גיזעהן, דעם ביטערין שמייכעל, וואס ביים פריסטאוו אויף די ליפען איז אין די מינוט גילעגען, אים איז אין די אויגען גיווען פינסטער! ... פינסטער פון בזיון, פון צער!

נחום'ל האט ניט געווארט אויף כבוד; דעם קומענדיגען טאג, האבען זיי זיך אלע אריין געקליבען צוריק אין ז... געדונגען א דירה'לע, און א קלייטעלע אויפען מארק...

ז׳

די זון, די לבנה מיט די שטערען שטייען אויף איין ארט, און די ערד דרייט זיך!

(דאנאס)

אדער

אַרער גיין , אַלעס , אַלעס , שטייט אויף איין אָרט , די ערד שטייט אויך . . . נאר די מענשען דרייען זיך . . .

יא , אזוי איז דאס ! די מענשען , נאר די מענשען דרייען זיך...

איינער דעם צווייטען דרייט אַראָפּ די יאָהרען און טאג ... איינער דעם צווייטען דרייט אַראָפּ דעם גאנצען לעבען . . . איינער דעם צווייטען דרייט אַראָפּ דעם קאָפּ ! . . .

יא ! אזוי איז דאס !

די מענשען , נאר די מענשען , דרייען זיך !

איינער דרייט זיך ארויף גאנץ הויך ! און זיין און נײַנציג דרייען זיך אַראָפּ ... אַראָפּ ... גאנץ נידעריג ! נידעריג ביז אין שאול תחתיה ! נייער נידעריג , האט זיך אַראָפּ געדרייט ר׳ ברוך׳ס אָרעמע פאמיליע ; קיינער געדיינקט ניט , קיינער דער מאנט ניט , און ר׳ ברוך׳ס צדקות , מיט זיינע מעשים טובים ! ברכה איז ניט אַלט , געהארבעוועט , געדרייט אין דרייען ; נחום איז שוין אבחור אַיאהר אכט און צוואנציג מיט חדשים ; ער האט ניט חתונה , ווייל אויף איין אַלטען אָרעמען סאלדאט , וואס האט אויף די פּלייצען אגרויסע שוועסטער , מיט איין אַלטע מאמען , זיינען ווייניג דא „רעכטע“ בעלנים ; און דיא וואס זיינען בעלנים , זיינען ניט „רעכטע“ , פּאַסט איהם ניט ! און אזוי גייט , אטאג נאך אטאג ! זעלדקע איז אויך ניט וואס גיוועזן , וויא איז שוין , איין איבער געבליטענע מיידל , אמיידל אין יאהרען , אָן גדן , אָן קליידער . . . און דעם ברודערס פּרנסות פון קליינטעלע לאנגט קאם , קאם אויף ברויט און וואסער... און ר׳ אברהם מאיר , האט זיך ארויף געדרייט הויך , זייער הויך ... מיט איין אויג ניט צו דער ווארפען ! .

רב אברהם מאיר מיט זיין טרייגען , ווערין איינגער פון טאג צו טאג ; זיין פּרנסה זיין שפע איז גיט משער צו זיין ! ער , נאר ער , ניט ברוך האט דעם אָרט פאר אויינשפּינגערל געמאכט ; ברוך פלעגט פאר טרייבען , פאר יאגין מענשין פון זיך . . . און „ער“ ציהט צו מענשין ! מענשין פון אלע מינים ; מענשין מיט אלערליי גליקין , און מציאות . . . ער קויפט , און אפריקעלע מיט הוישיקעלען פירין אוועק אין מרחקים .. מען פאר קויפט , מיט גוטע מקחים , און מען פאר דינט אסאך . . .

און (דאנאם)

און ברײנעלע, און יוטעלע, און ירמיחטשקע, און פעסעלע די שנור, אלע ארבעטין גיטראי, מען העלפט ביים עסק... דיא מאנשין קרייען ניך...

רב אברהם מאיר האט זייער פיל נחת, פון דיא זיה, פון דיא טאכטער; פון דיא עטליכע גוטע הויפין, מיט דיא דאמען וואס ער האט אין ז... געקויפט; ער קלייבט נחת פון זיינע פראצענטנע געלט, וואס כמעט אלע אין ז... זיינען אים שולדיג; ער איז באי זיך שטאלץ, בגאוהדיג, מיט דעם כבוד, וואס אלע גיבין אים הויפינוייז, פון אלע זייטין.

אט זיינען שוין פאר באי גאנצע 2 יאהר, נאך יענע אלע מעשות; און ניט איינער, ניט קיינער דער מאנט אים זיינע שלות.

אט איז רב אברהם מאיר, היינט פריה גיקומען אין ז... טענין איין "עסק"... און אלע וויסין, אז דער "עסק", איז ניט גאר אשאהנער, ניט גאר איין ערליכער אויך ניט קיין גרויסער כבוד, פאר דעם כלל אידין, און אויך ניט, גאר אפרייליבער "עסק"!

דיא מעשה מיט דעם "עסק" איז גאר איינפאך.

אגעוויסער גנב, איין אנטלאפענער ארעסטאנט, האט זיך — נעבעך — שלעכט פאפאדעט; מען האט אים געחאפט, און ער האט זיך מודה גיוועזן, אויף אסאך גנבות מיט רציחות און האט אן געוויזן, (אידין! אבלבול נעבעך...) אויף אונזער רב אברהם מאיר כבש, אז ער איז גיוועזן זיין סוחר; פאר אבוסע יש, מיט אשטיקל חלה פלעגט רב אברהם מאיר אפ קויפין ביים שכור, אלע גוטע זאכין, מציאות פון אסאך הונדערטער רובלס.

אשטייגער האט מען שטילערהייט געמאכט איין אביסק, און מען האט קליינגקייטין געפונען; נאר דער ארעסטאנט, טענהט ניינס, אז די גרויסע, דיא טייערע מציאות, האבין רבי אברהם מאירס בנים אוועק געפירט צרגעץ פאר קויפין... און וויא אויף להכעיס, זיינען זיא, אפריקע, מיט הושיקען, ניט דא אין דער היים!

דער נארעשער ארעסטאנט, האט אויסגיגעבין, נאך עטליכע חברה לייט, וואס מען האט זיי אויך גיפאקט; און דיא שוטים, האבין אויך דאס זעלביגע געזאגט, אז זייער קונה איז געווען רב אברהם מאיר

(דאגאם)

און דער סליעדאוואטעל פון ז... האט ארויס גערופין רב אברהם מאירן זיין ווייב טריינעלען, נייגע זיהן, אפריקעלע, הושיקעלע, און ירמיהטשקע, מיט זיין טאכטער יוטע, מיט דיא שנור פעסעלע, צו זיך, אויף אפאר ווארטער. —

רב אברהם מאיר מיט נייגע בני בית, זיינען נאר וואס גיקומען, דער זייגער איז 8 פריה; ביז 10 איז נאך 2 שעה! דער סליעדאוואטל בעט זייא צו זיך, נאר אויף 10. ניט פריער.

רב אברהם מאיר, שפאצירט זיך דער ווייל צווישין די קלייטין, בעטראכט דעם מארק...

און דער עולם, פאר געסט קהרף צין, אלעס דינג... דער גאנצער מארק סוחרים, און ניט סוחרים, זיינען אים מקבל פנים מיט גרויס כבוד, און יעדער שטופט אים אנווארעמען שלום עליכם.

— שלום עליכם רבי אברהם מאיר!

— אגוטער מארגין אייך רב אברהם מאיר!

— וואס מאכט איר רב אברהם מאיר?

— וואס קויפט איר עפעס? רב אברהם מאיר!

— דער ציילט עפעס... וואס הערט זיך רב אברהם מאיר!

און רב אברהם מאיר, פאר שטעהט, וואו הין יענער קירעוועט, און זאגט:

— "עס הערט זיך, אז דע פר ץ איז הונגעריג... ער בעט כחמים מען זאל אים עפעס געבען אין דיא צאהנדלעך קייען...

— און אלעמען ווערט פריילעך, אלעמען ווערט ליכטיג, לעבעדיג!... אלע טאקע אלע, דער מארק, דער קלויז, פיהלין באי זיך אשטיקלע שטאלץ... אביסעלע גאוה! אלע ווייסין, אלע פאר שטעהן, אז אונזער רב אברהם מאיר האט מיט גיבראכט אגראבס, אפעטע מטבע... אמנה יפה, און ער וועט דעם פריץ געבען קייען אין דיא צאהנדלעך...

— יאקל! וויפיל מיינסט דוא וועט אונזער רב אברהם מאירן קאסטין דער שטיקל, עסק? הא?

— לייזען מיר דאס ביידע תיינטיגין חודש! ביזט מרוצה?

(דאנאס) מאנכט

— מאנכסט צו נעמען נאך 3 אידין . . .(באי אווינשענעס, פאר גינען זיך אידין .)

— איר רעדט ביידע, וויא די עזלען !„ איר זאגט אזוי : „פאר דינען מיר אלע, דער גאנצער ריאד, וויפיל אונזער אברהם מאירן, וועט היינטיגין טאג, קאסטין דער עסק ! . .

— כסף וזהב, מטהר ממזרים ! איר וועט זעהן ברידער ! . . .

האט איינער אסידור למדן געזאגט : ער וועט ארויס קדוש וטהור ווי אמאלך !

— אים האט איר קינדערלעך, פאר דאוונט ; האט איינער מן הצד געזאגט : איצט זארגט פאר זיך אליין . —

8.

וואס ביים סליעדאוואטעל איז פאר גיקומען ווייס קיינער ניט ; וואס מען האט גיפרעגט באי יעדער נפש בעזונדער, פון רב אברהם מאירס הויזגעזינדל, האט קיינער ניט גיהערט ; נאר דאס ווייסין אלע, אז דער פריץ, האט זיי אלעמען אפ געהאלטין, פון 10 פריה, ביז 4 פאר נאכט ; און רב אברהם מאיר, האט אוועק געליינט, פאר זיך מיט זיין געזינדל זעקס טויזענט רובל זאלאג ! אנדערש, האט דער רשע ניט געוואלט . . . אלע, טאקע במעט דער גאנצער מארק, דער גאנצער קלויז, מיט דעם גאנצין עולם, זיינען אופין פריץ, אש להבה גיווען ; „סטייטש אזא סומא געלט ! אזוי פיל געלט !„ הגם יעדער האט געפיהלט אשטיקעלע חיות, אשטיקעלע גדלות דער פון, וואס „אונזער רב אברהם מאיר„ האט אזוי פיל געלט, אז זעקס טויזענטער, איז באי אים אשפאי ! . . . דו ווילסט ? . . נא !

דאס איז גיוועזן דעם 28-טין יול . . . 189 יאהר, 5 מינוט אויף 5 נאך האלבין טאג ! ווי נייטיג דאס איז, אזעלכע טאג צו פאר צייכענען, צו פאר שרייבען !

דער טאג איז אלע מאל, איינער פון דיא תשעה באב-דיגע טאג ; איינער פון יענע טרויערדיגע טאג, וואס דער אידישער מזל, האט קיין מזל ניט . . . וואס דער אידישער גליק פאלט . . . שטייט נייער נידעריג !

(דאנאס) — את

אח, גאט מיינער, ווי הויך, האט זיך "אונזער רב אברהם מאירס„ מזל גיוועזן ארויף געדרייט; און דער טאג... אי, נאר דער טאג! האט אים צראפ געדרייט זייער, זייער נידעריג...

דער טאג איז גיוועזן אהייסער, אברענענדיגער; דיא זון האט מיט פייער געשאטין...

נאר איצט, 5 מינוט אויף 5, איז געוואהרין קילער: דיא זון האט זיך אונטער אגרויסע אשווארצע שטיק וואלקין פאר רוקט; ווילע ווייז חאפט זיא אשטיקל קוק, וויא אכלה מיט איין איינעגע, פון אונטערין דעק טוך... און בעהאלט זיך ווידער; ביים ברעג הימל, האבין זיך דיא וואלקינס צוא שפרייט, אין לאנגע ציילען גישטאלט, בעפארבען רויטליך... און פון צפון, און פון דרום זייט רופין זיך אפ, אלע ווייליע די דונערין... זיי געריסין זיך גאנץ הויך, זיי קומען זיך צוזאמען, און צו לויפין זיך, ווייט ווייט, אז באי דיא ברעגין וועלט.. און בליצין קליינע מיט גרויסע בעלייכטיק ניער וועג!

פון ים זייט בלאזט אווינטעלע שטארקער און שטארקער; דיא גרויסע שטיקער שווארצע וואלקין, קניפין זיך, זייא בינדין זיך, און באהעפטין זיך מיט אנאנדער... ס-פאר ציהט דער גאנצער הימל מיט איין פינסטערע חמארע, עס ווערט פינסטערער, פינסטערער... אין גיכין וועט וואס עס איז זיין, אהאגל... אדער אגרויסער רעגין, אדער ביידעס צו זאמען.

נאר, "אונזער רב אברהם מאיר„ מוז פארין אהיים..." אגאנצין טאג אהויף געבליבין אליין... עס גייט צוא נאכט... און וויא ווייט איז דא?... 15 ווערסט, אשעה פארעבטין... מען קאן נאך קומען אהיים, פארין רעגין, מען מוז פארין!

און אברהם מאיר, מיט זיין געזינדיל, האבין זיך גיזעצט אינ-ם טייערען פייעטאן, געשפאנט מיט 2 ברענענדיגע, 5 הונדערט רובילדיגע פערד און איז מיט כעש, מיט שטורים פאר באי גיפארין דעם מארק, גליך דורך דיא שוהל גאס; און יעדער איינער וואס באגעגינט אים, גיט זיך אטאפ ביים קאזיראק.. חאפט אשטיקל "שאנו פורעים„ אויף זיין דרך, און קוקט אים נאך מיט קנאה...

און דיא פערד לויפען, זייא טראגען ווי די אדלערין; און זייער ווינטעלע גלאזט, און בלאזט אלעס טערדי דונערין קלאפען, שטארקער און שטארקער די ערד ציטערט, די הימלען ברעכען זיך; און זיי גלייכען שיסען מיט פייער, זייא ברענען דיא אויגען...

און פון וועלכע זייט? נאט מייאער... וואַרט אַוויילע!...

פון וועלכע זייט האט גיגעבען אבליץ, אמאדנער בליץ, אמוראדיגער בליץ, אפליה... אוואַרף... אדרעה ווי אשלאנג... און אויגענבליקלעך האט זיך אפ נעטונקט דיא גאנצע וועלט מיט פייער... ליכטיג ארום, און ארום; ארום די פערד, ארום פייעטאן, ארום יעדער איינציגין בעזונדער; און באלד איז גיווארין חושך... און פון חושך האט זיך אויס געבראכין אקנאל... אדונער שלאג, אמויזענט-הארמאטין קלאפ.. און די גאנצע וועלט האט אנגעהייבען, ציטערין.... זיך טרייסלען... וויגין... און פאלין... פאלין... פאלין ... פון אלע זייטין ארויף, ארים פון שוועבעל, סירקע, אשווערער אשטיקענדער רויך!... און שטיל... שטיל ווי אויף אבית עולם!...

• •
•

עס איז נאכט, עס איז שוין רעכט פינסטער.

באלייטענדיג די זון, האבין זיך דיא וואלקינס אראפגעצויגען צום ברעג הימל פון מעריב זייט; דער הימל איז צו ריק, אבגעליידיגט, גיט צו זעהן אברעקל וואלקין; דארטין אין מעריב זייט, קערט נאך אליין א וועלט, עס שיסט שטיקער פייער, און דא, שפאצירט אום די לבנה, זי קוקט אראפ מיט איר בליך פנימ'ל זי בעטראכט די וועלט.—

און אין ז... איז ארעש, אגרויסער שרעק, אטויד שרעקינעס. אלע לויפין, אלע ציטערין, אלע בראכין דיא האנד...

— איז דאס אמת? בערל! פרעגט איינער לויפענדיג, און דיא צאהן אין מויל טרייסלען זיך באי אים.

— אמת!... אויפין טויד מאג מען גלויבען.

— וואו זיינען זייא?

(דאנאם)

— מען זאָגט אויפן שוהל הויף . . .

— דוא גייסט ?

— אַוַדאי ! גאַטקעס שטראָף , גאָטקעס שטראָף !

אונ אויפן שוהל הויף קאָכט , דיא גאַנצע שטאָדט מאַנשין זיינען דאָ ; אַלע שטייען אַרום 2 בויערין , אַלע הערין וויא זייא דער ציילין , אַז פאַרענדיג אַהער אין ז . האָבין זייא אויפין טיטין וועג געפונען , אברהם מאירס ביידע פערד נישהרגיטע , אונ אויפין פייעטאָן זיינען אַלע גישטאָרבענע . . . דיא טוידטע האָבין זייא גיבראַכט אַהער !

מען האָט גישאָהן , וואָס איינער האָט גיזאָגט , וואָס איינער האָט געהייסין . . . אונ אומזיסט אַלע טרחות . . . זייא זיינען אַלע גישטע רבענע !

דיא לויה איז גיוועז זייער אגרויסע ; דער טויד איז מכפר אויף אַלעם-דינג ; אפילו דער סוד , דער משפט , איז אויך מוחל , מוחל בּמחילה גמורה !

אפריקע מיט הושיקע זיינען ניקומען אַהיים , מען האָט זייא ביידין צוגענומען ; נאָכין משפט , פאַר שיקט סיביר . . .

מוסם ליידיג איז געבליבין דיא אידישע קרעטשמע .

אַציינד נאָך דעם , האָט זיך נחום'ל מיט זיין מוטער אונ שוועסטער , צו ריק אבין געקליבין אין דאָרף . . .

אַציינד וואָהריז האָבין זייא דאָרט גיהאַט פרנסה בּכבוד , קיינער האָט זייא ניט גיטשעפעט , קיינער האָט אויף זייא ניט גישריבין , קיין באָנאָס . —

ענדע

(דאנאם)